קוּנְטְרֵס

# חִינּוּךְ מִיט הַאֶרץ

הֶערְלִיכֶע חִיזּוּק
פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים
אוּן מְחַנְּכִים, צוּ קֶענֶען
מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע
קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ
יִשְׂרָאֵל סָבָא

שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
שִׁיעוּר כ"א

שְׁנַת תשפ"ג


מצבת ציון רבינו איש האלקים
אור העולם רבי נחמן מברסלב זי"ע
בעיר אומן יצ"ו
הבטיח שכל מי שיבוא אל ציונו הקדוש ויאמר שם את התיקון הכללי
יוציאו מהשאול תחתית ויעשה לו טובה נצחית

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

## קוּנְטְרֵס

# חִינוּךְ מִיט הָאֶרְץ

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת דְבָרִים,
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן. אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א
פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר מְלַמְדִים, מְחַנְכִים אוּן עֶלְטֶערְן.

דֶער קוּנְטְרֵס וֶועט אַייךְ לֶערְנֶען וָואס אִיז וִויכְטִיג אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער, אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט קִינְדֶער מִיט הַאֶרְץ אוּן גֶעפִיל, דָאס זָאל בַּאגְלֵייטְן דִי קִינְדֶער אוֹיף זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִדוֹת טוֹבוֹת אוּן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיינֶע מִצְוֹת.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

### כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תוּבב"א

שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, שְׁנַת תשפ"ג, שִׁיעוּר כ"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִידוֹת' ..... ג

אויסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס הֵייסְט אַ מַאמֶע ..... ה

דֶער קֶעכֶער הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! ..... ו

אִיךְ פְּלֶעג אוֹיךְ פַאְרְשְׁפֶּעטִיגְן טְרִיפְּס! ..... י

נִישְׁט מַאכְן אַ בֶּעט אַזוֹי וִוי אִין סְדוֹם! ..... יב

מֶען דַארְף אוֹיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג ..... יג

פַארְוָואס פָאלְגְן נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער? ..... טו

זַיי נִישְׁט וִוי אַ מַאשִׁין וָואס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס ..... יז

דֶרֶךְ אֶרֶץ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן ..... יט

# חִינוּךְ מִיט הַאַרְץ

## אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִידוֹת'

עֶס אִיז פַּאר מִיר אַ זְכִיָּה אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ דִי מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד.

אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִידוֹת', זֵיי זָאלְן זַיין סֶענְסֶעטִיוְו (פָּארְזִיכְטִיג) צוּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: **"אוֹיבּ אֵיינֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוֹיבּ אֵיינֶער עֶסְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אָדֶער אוֹיבּ אֵיינֶער שָׁאקְלְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, - קֶענְסְטוּ נִישְׁט לַאכְן פוּן יֶענֶעם, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן יֶענֶעם!"**

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז דִי אִידְן הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: "**רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים**"; אַ אִיד שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן.

בִּפְרַט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס דִי בֵּית הַמִקְדָש אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וֶועגְן דִי עֲבֵירָה פוּן 'שִׂנְאַת חִנָּם' (יוֹמָא ט:), דַארְף מֶען אַוֶועק גֶעבְּן אַסַאךְ צַייט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעטֶע בְּלוּט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אִיוֹב יא, יב): "**וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד**", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן ווִי אַן אֵייזְל אָן שֵׂכֶל, עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת, אִיז דָאס דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ קִינְד שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אִים פָּארְהַאלְטְן: "**פַארְוָואס לַאכְסְטוּ פוּן יֶענֶעם?**" "**פַארְוָואס שְׁפֶּעטְסְטוּ פוּן יֶענֶעם?**" "**דוּ ווִילְסְט מֶען זָאל לַאכְן פוּן דִיר?!**"

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעדַאוֶוענְט אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ צוּלִיבּ אַ שִׂמְחָה, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיין, דָארְט בַּיי דֶעם טִישׁ וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט אִיז גֶעזֶעצְן

אַ טַאטֶע מִיט זַיין זוּן וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אַ דַאוּן סִינְדְרָאם לֹא עָלֵינוּ, אִיר וֵוייסְט דָאךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וֶוען מֶען זֶעט אַזַא קִינְד, דֶער קִינְד מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ אוּן דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמֶדְרָשׁ לַאכְט - אוֹיסֶער דֶער טַאטֶע וֵויינְט. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי מַיינֶע קִינְדֶער לַאכְן, הָאבּ אִיךְ זֵיי אַרוֹיס גֶערוּפְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן זֵיי בֵּיידֶע גוּט אָנְגֶעשְׁרִיגְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי פָארְגֶעהַאלְטְן: **"דוּ לַאכְסְט פוּן אַ צְוֵוייטֶער בַּאשֶׁעפֶענִישׁ? דוּ לַאכְסְט פוּן אַ אִידְ?! דוּ קֶענְסְט דָאךְ אוֹיךְ זַיין אַזוֹי, דוּ ווייסְט דֶען וָואס גֵייט זַיין מִיט דִירְ?!"**

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס קֶענֶען נִישְׁט סְתַּם קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז 'אִיךְ גֶעבּ דֶעם שִׁיעוּר אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן כִּתָּה', מֶען מוּז זַיין וַואךְ אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז קִינְדֶער זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס גֶעפִילְן.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס הֵייסְט אַ מַאמֶע

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט אָנְהַאלְטְן מִיט עֶנְקֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיר זָאלְט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער גוּטֶע מִידוֹת, אוּן 'וָואס הֵייסְט אַ מַאמֶע'.

דָא אִין קֶעמְפּ זֶענֶען דָא אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זוּמֶער אוֹיף אִין אוּנְזֶער קֶעמְפּ וָואס

אַ גַאנְץ יָאר שִׁיקְן זֵיי דִי קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, זָאגְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן דִי וָואךְ: **״אִיךְ הָאב אַרַיין גֶעשִׁיקְט מַיין קְלֵיין טָאכְטֶערְ׳ל אִין בֵּית פֵיגָא, און זִי אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ, אַן אַנְדֶערֶע טָאכְטֶער. אַ גַאנְץ יָאר אִיז זִי נָאר פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע פְרֶענְדְס (חַבֶרְ׳טֶעס), דִי מַאמֶע אִיז בַּיי אִיר גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז פְרֶענְדֶס, דִי פְרֶענְד און דִי פְרֶענְד און דִי פְרֶענְד... זַייט זִי לֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא אִיז בַּיי אִיר גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ דֶערְהֶער, זִי זָאגְט פַאר דִי מַאמֶע: ׳מַאמִי בֵּייג דִיךְ נִישְׁט׳, ׳מַאמִי אִיךְ וֶועל עֶס מַאכְן׳״.**

אִיךְ ווִיל אַז אִיר זָאלְט דָאס אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

## דֶער קֶעכֶער הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְן!

דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין הַארְץ.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר אַזַא מַעֲשֶׂה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶעעֶן אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר ווָאוֹילֶע עֶלְטֶערְן, אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ קֶען קֵיינֶער נִישְׁט חָלוֹמְ׳עֶן אַז עֶפֶּעס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט זֵיי, זֵיי ווָאוֹינֶען אִין אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט שֵׁיינֶע בֵּיימֶער אַרוּם, מַמָּשׁ הֶערְלִיךְ, לְמַעֲשֶׂה זֶעעֶן זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הַרְגְ׳עֶנֶען דִי קִינְדֶער! דִי מִינְדֶעסְטֶע

זַאךְ וָואס אַ קִינְד שְׁטֶערְט זַיי, קֶענֶען זַיי אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם קִינְד אַלֶע טְרֶעפּ! דִי מִינְדֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד טוּט, בַּאקוּמְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין עֶסְן אוּן קְלֵיידוּנְג יֶענֶעם טָאג!

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז זַיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען דֶער פְּרָאבְּלֶעם, מִיר זֶענֶען נִישְׁט גוּט, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אַז דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן צוּגֶעזֶען וָואס גֵייט פָאר בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב, הָאבְּן זַיי זִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אוּנְז צוּ הֶעלְפְן, אוּן דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטוּבּ.

זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם צוּ פַארְדַאנְקֶען פַאר מַיין לֶעבְּן; דֶער קֶעכֶער פוּן דִי מוֹסָד וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט! פַארְוָואס? וַוייל אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אִיז אוּנְזֶער שְׁפַּייז גֶעוֶוען בָּאר פְּרִישְׁטָאג אוּן לָאנְטְשׁ פוּן חֵדֶר, מֶער פוּן דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט בַּאקוּמֶען, וֶוען מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז מָארְגְן בַּיי פְּרִישְׁטָאג צוּ בַּאקוּמֶען עֶסְן. אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעעֶקְלְט פוּן "לוֹיזֶע אֵייעֶר", בַּיי מִיר הָאט לוֹיזֶע אֵייעֶר אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי שְׁלֵיים... אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג אַרוֹיס גֶעקוּקְט וֶוען עֶס וֶועט זַיין "הַארְטֶע אֵייעֶר".

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאב גֶעוואוּסְט אַז לוֹיט דֶער מֶענְיוּ (סֵדֶר) דַארְף הַיינְט זַיין "הַארְטֶע אֵייעֶר" פַאר פְרִישְׁטָאג, לְמַעֲשֶׂה עֶפְן אִיךְ אַן אֵיי אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז לוֹיז, אִיךְ עֶפְן נָאךְ אַן אֵיי אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ לוֹיז. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר גֶערֶעגְט, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ טוּ, הָאב אִיךְ גֶענוּמֶען אַ לוֹיזֶע אֵיי, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין קָאךְ אוּן פוּן כַּעַס הָאב אִיךְ עֶס גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן קֶעכֶער אִין פָּנִים אַרַיין!

אִיךְ הָאב גְלַייךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאב גֶעטוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט, אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט 'מִן הַסְתָּם גֵייט מֶען מִיךְ אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן חֵדֶר, דֶער מְנַהֵל גֵייט אַרַיין קוּמֶען אוּן מִיךְ אַהֵיימְשִׁיקְן', עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען הֵייבְּט שׂוֹין אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דֶער מְנַהֵל קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר פוּן מַיין כִּתָּה, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּ מִיר: **"קוּם אַהֶער!"** אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאב גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס וַוארְט מִיךְ אָפּ, דֶער מְנַהֵל זָאגְט מִיר: **"דֶער קֶעכֶער רוּפְט דִיךְ אוּנְטְן!"** אִיךְ גֵיי אַרָאפּ, אוּן דֶער קֶעכֶער זָאגְט מִיר: **"זַיי מִיר מוֹחֵל! עֶס הָאט הַיינְט גֶעדַארְפְט זַיין הַארְטֶע אֵייעֶר, נָאר אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן לוֹיז, אִיךְ הָאב דִיר אָפְּגֶעקָאכְט הַארְטֶע אֵייעֶר, דָא הָאסְטוּ הַארְטֶע אֵייעֶר, עֶס דָאס**

**אוֹיף מִיט אַפֶּעטִיט!"** אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי אֵייעֶר אוּן צוּרִיק אַרַיין אִין כִּתָּה.

דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"דֶער קֶעכֶער הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל, מִיט הַארְץ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ קִינְד וַוארְפְט נִישְׁט סְתָּם אַן אֵיי אִין פָּנִים, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז מִן הַסְתָּם בִּין אִיךְ הוּנְגֶערִיג אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף מַיין פְרִישְׁטָאג".**

וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה קוּמְט מִיר צוּ וַויינֶען, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, וִוי טְרֶעפְט מֶען אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד, מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן מִיט הַארְץ!

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ זַיין אַ מְחוּצְף, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז דֶער קִינְד אִיז אַ מְחוּצָף?! אֶפְשָׁר קוּקְט עֶר אוֹיס גוּט נָאר פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע הֶעמְדְ'ל, אָבֶּער אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז דָאס אַ צֶעבְּרָאכְן קִינְד, אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶע, וָואס הָאט בָּאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן פוּן נֶעכְטְן מִיטָאג, עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, אֶפְּשָׁר הָאט דֶער קִינְד עֶלְטֶערְן וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן אַוֶועק אַלְס שֵׁיינֶע אִידְן, אָבֶּער אִינְדֶערְהֵיים הַרְגֶ'עֶנֶען זֵיי דִי קִינְדֶער?!

וִוי נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ?! אַ מְלַמֵד, אַ לֶערֶערִין, אַ קֶעכֶער, אַ לַאנְטְשׁ רֶבִּי, אַ בָּאס רֶבִּי וָואס זָאל

טְרַאכְטְן: 'דָאס אִיז אַ קִינְד, דֶער קִינְד הָאט אַ הַארְץ, דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט סְתַּם זַיין שְׁלֶעכְט, אֶפְשָׁר בַּאדֶערְט אִים עֶפֶּעס!'

## אִיךְ פְּלֶעג אוֹיךְ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן טְרִיפְּס!

אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵּיגָא מֵיידל קֶעמְפּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְנַהֶלֶת מִיט וֵוייטָאג: **"אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ בִּין אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶע, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ, אוּן יֶעצְט אִין קֶעמְפּ וֶוען מֶען דַארְף זַיין נָאכְאַמָאל אִין צַייט אוּן נָאכְאַמָאל אִין צַייט וֶוער אִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן זֶעעְנְדִיג אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִין צַייט, אִיךְ וֶוער יֶעדֶעס מָאל נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְצֵייגְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן..."**

לָאמִיר אַרַיין גֵיין אִינֶעם קָאפּ פוּן דָאס קִינְד, אוּן לָאמִיר אַרַיין גֵיין אִינֶעם קָאפּ פוּן דִי קַאוּנְסְלֶער (דִי לֶערֶערִין וָואס פַּארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער); דִי קַאוּנְסְלֶער טְרַאכְט: 'מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ סִיסְטֶעם אַז אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן זַיין אִין צַייט, דִי תַּלְמִידָה וָואס אִיז נִישְׁט גְרֵייט אִין צַייט דַארְף בַּאקוּמֶען אַ קְנַס', ווִידֶער אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִינֶעם קָאפּ פוּן דָאס קִינְד אִיז דִי גַאנְצֶע בִּילְד אַנְדֶערְשׁ, מִיט דֶעם וָואס דוּ גֶעבְּסְט אִיר אַ קְנַס, לֶערְנְט זִי זִיךְ נִישְׁט אוֹיס צוּ זַיין אִין צַייט, פַארְקֶערְט, דָאס ווַייזְט אִיר נָאכְאַמָאל אַז זִי קֶען טַאקֶע נִישְׁט זַיין

אִין צַייט! זֵי וֶוערְט נָאר מֶער צֶעבְּרָאכְן, ווייל זֵי דֶען נִישְׁט זַיין אִין צַייט?! - זֵי ווִיל זַיין אִין צַייט, זֵי קֶען פָּשׁוּט נִישְׁט! זֵי הָאט נִישְׁט קַיין אַהֲנוּנְג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז אִין צַייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער חַבֵר, אַ יָתוֹם, וָואס אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פְלֶעג אִיךְ גֵיין צוּזַאמֶען מִיט אִים יֶעדְן פַארְטָאגְס הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵד הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"יוֹאֵלִ'יש אִיךְ בֶּעט דִיךְ בְּרַחֲמִים, זָאלְסְט נִישְׁט הַרְגְ'עֶנְען דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַלְץ פִינְף מִינוּט שְׁפֶּעט. דִי מְלַמְדִים שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער: 'וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ טְרִיפּ (אוֹיסְפְלוּג) וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעוֶוען שְׁפֶּעט?!' - זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ שְׁפֶּעט קוּמֶער, אוּן אִיךְ פְלֶעג אוֹיךְ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן טְרִיפְּס! אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְשְׁפֶּעטִיגְט".**

אִיךְ ווִיל מִיט דֶעם אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען פַאר דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אַז אַ מוֹסָד אוּן אַ קֶעמְפּ מוּז טַאקֶע מַאכְן אַ סִיסְטֶעם אוּן צַייטְן צוּ אַלֶעס, אָבֶּער דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען, קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין בַּאקְסֶעס, **"דוּ בִּיסְט שְׁפֶּעט - דָא הָאסְטוּ אַ קְנַס!"...** מֶען מוּז הָאבְּן הַארְץ, מֶען מוּז טְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר קֶען נִישְׁט דָאס קִינְד זַיין צַייטְלִיךְ'.

וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען דֶער קִינְד וָואס קוּמְט שְׁפֶּעט, וָואלְט מֶען מִיךְ גֶעדַארְפְט קַנְס'עֶנֶען, ווייל אִיךְ קֶען זַיין צַייטְלִיךְ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוענְלִיךְ צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ אִיךְ קוּם נִישְׁט צַייטְלִיךְ אִיז דָאס דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ מִיר, מֶען דַארְף מִיר אָנְזָאגְן: **"אוֹיבּ דוּ גֵייסְט זַיין צַייטְלִיךְ קֶענְסְטוּ מִיטְקוּמֶען צוּם טְרִיפּ, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט - נִישְׁט"**, דָאס וֶועט מִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, אָבֶער עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס 'קֶענֶען נִישְׁט' זַיין צַייטְלִיךְ, [אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס גֶעשֶׁעט, אוּן מֶען זוּכְט נִישְׁט דָא קֵיינֶעם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן], בַּיי דִי סָארְט קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ פַּארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, אוּן פְּרוּבִּירְן אַז דִי מוּסָר, דִי קֶעמְפּ, זָאל יָא קֶענֶען אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי.

## נִישְׁט מַאכְן אַ בֶּעט אַזוֹי ווִי אִין סְדוֹם!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין קט:) דֶערְצֵיילְן אַז אִין סְדוֹם הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט, אוֹיבּ אִיז גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט אִין סְדוֹם הָאט מֶען אִים מִיט גֶעוַואלְד אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בֶּעט, אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט מֶען אִים אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ קְלֵיינֶעם בֶּעט, אוּן דִי פִּיס וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעקְט הָאבְּן דִי רְשָׁעִים אָפְּגֶעהַאקְט, אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ נִידְרִיגֶער הָאבְּן אִים דִי סְדוֹמִיִּים גֶעלֵייגְט אִין אַ לַאנְגֶע בֶּעט, מֶען הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוּן מֶען

הָאט אִים אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן יְסוּרִים.

מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַ בֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין סְדוֹם! אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף וִויסְן, מֶען שְׁטֶעלְט טַאקֶע אוֹיס אַ 'סֵדֶר הַיּוֹם', יֶעצְט דַאוֶוענְט מֶען אוּן יֶעצְט לֶערְנְט מֶען, אָבֶּער מֶען דַארְף הָאבְּן אַ אִידִישׁ הַארְץ, מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַן אוֹיסְנַאם, זֵיי פַּאסְן נִישְׁט אַרַיין אִין דֶעם פָארֶעם, מִיט דֶעם קִינְד דַארְף מֶען זִיךְ אוּמְגֵיין אַנְדֶערְשׁ, בַּיי דֶער קִינְד וָואס קוּמְט אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעט, מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעזֶען.

## מֶען דַארְף אוֹיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ קִינְד וָואס וִויל שְׁטֶערְן. אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אַ כִּתָּה דַארְף מֶען גֶעוואוֹיר וֶוערְן וָואס שְׁטֶערְט אִים וָואס צוּלִיב דֶעם פִּירְט עֶר זִיךְ אַזוֹי אוֹיף אִין חֵדֶר, מֶען דַארְף אוֹיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער.

פָּארִיגֶע וָואךְ הָאט מֶען מִיר גֶערוּפְן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג, אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט מֶען זָאל מִיר נָאכְאַמָאל רוּפְן צוּ זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער.

אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא 'רֹאשׁ יְשִׁיבָה' אַז מֶען זָאל מִיךְ לִיב הָאבְּן, מִיר אִיז גוּט אֲפִילוּ קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מִיר, אַלֶע זָאלְן טְרַאכְטְן 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶער', אִיךְ זוּךְ נִישְׁט מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן אַטֶענְשָׁאן (אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט).

אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מוֹרָא צוּ זָאגְן פַּאר אַ קִינְד **"גֵיי אַרַיין אִין בֶּעט"**, אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ דָאס קִינְד נִישְׁט לִיב הָאבְּן, אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ נִישְׁט זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין אַטֶענְשָׁאן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג אַטֶענְשָׁאן פוּן מִיךְ אַלֵיין, אוּן אִיךְ טוּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן. אִיךְ וֶוער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוֹיבּ מַיינֶע קִינְדֶער זָאגְן מִיר: **"וַואווּ, טַאטִי בִּיסְט אַ גוּטֶער טַאטֶע!"** - אִיךְ גֶעבּ זֵיי דִי אַטֶענְשָׁאן, אִיךְ זָאג זֵיי: **"בִּיסְט אַ גוּט קִינְד!"**

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף זַיין מִיט מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן ווִיסְן אַז מֶען טוּט רִיכְטִיג, מֶען קֶען נִישְׁט ווַארְטְן אוֹיף אַטֶענְשָׁאן, דָאס קִינְד זָאל זָאגְן אַז אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער, מֶען דַארְף זוּכְן צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, אֶפְשָׁר הָאבְּן נִישְׁט דִי קִינְדֶער עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער.

עַל כָּל פָּנִים, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ קוּמֶען הֶעלְפְן וֶוען מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער פוּן אַייךְ בֶּעט אִיךְ עֶס זָאל זַיין הַארְץ, הַארְץ, הַארְץ, הַארְץ.

## פַארְוָואס פָאלְגְן נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער?

טְרַאקְטְס מִיט הָאֶרֶץ אַ לִימוּד זְכוּת אוֹיף יֶעדְן קִינְד: אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף זַיין אוֹיפְפִירוּנְג, אֶפְשָׁר הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַאטֶע מַאמֶע, אֶפְשָׁר שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ אַוֶועק וִוי זֵיי טוּעֶן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע אָבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער טוּעֶן זֵיי גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין 'בֵּיין' אִינְדֶערְהֵיים, אֶפְשָׁר הָאט עֶר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא זַאךְ אַז "מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען אַ מַאמֶע רֶעדְט", אֶפְשָׁר הָאט עֶר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַז אַ מִשְׁפָּחָה אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "**וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט?!**" - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס הָאט מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אִינְדֶערְהֵיים דִי וֶוערְטֶער: "**מֶען מוּז פָאלְגְן!**" דֶער קִינְד וואוֹינְט בֶּעבֶּעךְ אִין אַ דְזְשׁוּנְגְל, אִין גַאס. דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין דַארְפְן מְחַנֵךְ זַיין דֶעם קִינְד אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן, מֶען דַארְף אִים זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן.

## עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִי דְרַיי טוֹיזְנְט דָאלֶער!

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֵוייסְט עֶנְקֶער זְכִיָה אוּן זְכוּת אַז עֶטְץ טוּטְס מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶעֶרֶע זַאךְ פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶעֶרֶע זַאךְ פוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אַ גְלֶעט, אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד.

וֶוען אִיךְ קוּם אִין בֵית הַמֶדְרָשׁ קוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרוּם מִיר, אַלֶע שְׁטְרֶעקְן אוֹיס זֵייעֶרֶע קֶעפּ אוּן וַוארְטְן אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, דָאס קִינְד וֶוערְט נִישְׁט זַאט בִּיז אִיךְ שְׁמוּעֶס נִישְׁט מִיט אִים.

אַ קִינְד וַוארְט אֵיינֶער זָאל קוּקְן אוֹיף אִים, אֵיינֶער זָאל אִים פְרֶעגְן: **"אָהּ! וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" "וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין שַׁבָּת?" "הָאסְט לִיבּ חֵדֶר?"** נָאכְדֶעם גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק שְׁפִּילְן.

בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז עֶס נָאךְ גְרִינְגֶער, מֶען קֶען זֵיי זָאגְן: **"בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין אָנְגֶעטוּן", "בִּיסְט אַזוֹי אֵיידְל".**

אַ טַאטֶע וָואס הָאט יֶעצְט אַרַיין גֶעשִׁיקְט אַ קִינְד אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, אַן עֶלְטֶערֶע מֵיידְל פוּן זֶעכְצְן זִיבֶּעצְן יָאר, זָאגְט מִיר: **"מַיין טָאכְטֶער רוּפְט מִיךְ אָן אַז מֶען הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז 'זִי זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אֵיידְל'"**, דֶער טַאטֶע זָאגְט מִיר: **"עֶס הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין גֶעלוֹינְט דִי דְרַיי טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר קֶעמְפּ,**

**מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם!"** - וָואס הָאט מֶען אִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט? אַז זִי זֶעט אוֹיס זֵייעֶר גוּט, אֵיידְל אוּן וואוֹיל, אוּן דָאס טוֹישְׁט מַמָשׁ אַ מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן סִיסְטֶעמַאטִישׁ, אָן הַארְץ.

## זַיי נִישְׁט ווִי אַ מַאשִׁין וָואס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס

עֶס אִיז דָא אַ נַארִישֶׁע זַאךְ צְווִישְׁן מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ קִינְדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן חֵדֶר; וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דֶעם קִינְד רֶעדְט אִיךְ צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען אִיךְ טְרֶעף אִים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, בַּיי אַ שִׂמְחָה, אִין אַ גֶעשֶׁעפְט - קֶען אִיךְ אִים נִישְׁט. דָאס אִיז זֵייעֶר עֶקְלְדִיג!

אַז מֶען טְרֶעפְט אַ קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה דַארְף מֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּ אִים, זָאג אִים: **"גוּט שַׁבָּת"**, **"וָואס מַאכְסְטוּ?!"** עֶר אִיז דָאךְ דַיין קִינְד!

אַ מְלַמֵד, אַ לֶערֶערִין, אִיז נִישְׁט ווִי אַ מַאשִׁין וָואס אַרְבֶּעט דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה אוּן נָאכְדֶעם לֶעשְׁט זִיךְ עֶס אוֹיס.

לְהַבְדִיל בַּיי דִי 'נִישְׁט אִידְן' גֵייט עֶס אַזוֹי; דִי וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי גוֹיאִישֶׁע 'חֶבְרָה הַצָלָה', הָאט

זִיךְ יֶעדֶער אַרְבֶּעטֶער זַיינֶע שָׁעוֹת וָואס אוֹיבּ קוּמְט אַרַיין אַ רוּף אִין דִי צַייט דַארְף עֶר קוּמֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשְׁן'ס לֶעבְּן, קֶען מֶען זֶען אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זַיינֶע שָׁעוֹת אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט, זָאל אַרַיין קוּמֶען אַ רוּף אַז דָא אוֹיף דֶער גַאס הָאט אֵיינֶער גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע, וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן זִיצְן אִין זֵייעֶר טְרָאק וַוייטֶער שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶרֶע טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס, וַוייל **"יֶעצְט אִיז שׁוֹין נָאךְ מַיין צַייט"**, אַיי דוּ קֶענְסְט דָאךְ לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן?! - **"נֵיין! יֶעצְט אִיז נִישְׁט מַיין צַייט, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בֵּייגְן יֶענֶעם הֶעלְפְן!"**

דָאס אִיז בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָבֶער בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אַ קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אַבִּיסְל הַארְץ אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער קֶעכֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעקָאכְט צְוֵויי אֵייעֶר פַאר דֶעם קִינְד וָואס הָאט אִים גֶעוָוארְפְן אַ לוֹיזֶע אֵיי אִין פָּנִים, דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"דֶער קֶעכֶער הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעוָוארְפְן דֶעם אֵיי אוֹיפְ'ן קֶעכֶער, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמֵיינְט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ בִּין פָּשׁוּט גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, אוּן עֶס וָואלְט זִיךְ מִיר גֶעקוּמֶען**

**מֶען זָאל מִיךְ אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן חֵדֶר, נָאכְדֶעם וָואלְט אִיךְ שוֹין גֶעוֶוען גֶערֶעכְט אָפְּצוּשְנַיידְן מַיינֶע פֵּיאוֹת וַוייל ׳מֶען הָאט מִיךְ אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן חֵדֶר...׳ אָבֶּער דֶער קֶעכֶער הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן מִיר מִיט הַארֶץ, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט ׳אֶפְשָר אִיז דָאס קִינְד הוּנְגֶערִיג, אֶפְשָר הָאט נִישְט דָאס קִינְד קַיין עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים!׳״**

## דֶרֶךְ אֶרֶץ צְווִישְן מֶענְטְשְן

אוֹיסֶער וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מֶענְטְשְלִיךְ, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵיי נִישְט גֶעהֶערִיג מְחַנֵךְ, דִי מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַיינְקוֹיפְן, מִיט קוּקְן קְלִיפְּס אוּן מִיט אִיךְ וֵוייס נִישְט וָואס... זִי שְטֵייט נִישְט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער, זִי רֶעדְט נִישְט צוּ אִירֶע קִינְדֶער, זִי לֶערְנְט נִישְט אוֹיס אִירֶע קִינְדֶער דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן וֶוען מֶען אִיז צְווִישְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְן, דַארְף דֶער מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין זַיין אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי אַלֶע זַאכְן.

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן פִילְן גוּט אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי זַאכְן, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, מִיט דֶעם הֶעלְפְט מֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְן אוּן

לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְעֶקְלֶען פוּן אִים.

אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן עֶסְט מֶען אַזוֹי שֵׁיין, מֶען עֶסְט מִיט עֶסְצֵייג, אֵיידְל; אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מַיין וַוייבּ עֶסְט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִּיס... אִיךְ פִּיל מַמָשׁ ווִי אִיךְ וֶוער פַּארְעֶקְלְט פוּן מַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר אָבֶּער אִיךְ וֶוער פַּארְעֶקְלְט פוּן אִיר"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"זָאג אִיר עֶס"**, זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט אוּן זִי וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אִיךְ זָאג אִיר עֶס"**, זָאג אִיךְ אִים: **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, זָאג אִיר נָאכְאַמָאל שֵׁיינֶערְהֵייט: 'אִיךְ בֶּעט דִיר, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ עֶסְן מִיט עֶסְצֵייג, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ עֶסְן אֵיידְל'"**.

דֶערְפַאר, וֶוען מֶען זֶעצְט אַוֶועק קִינְדֶער אִין לָאנְטְשׁ רוּם בַּיי פְּרִישְׁטָאג אוּן מִיטָאג, דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען. מֶען מוּז נִישְׁט בַּאמֶערְקְן פַאר'ן קִינְד בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְקוּקְן פַאר וֶועמֶען מֶען דַארְף דָאס זָאגְן אוּן שְׁפֶּעטֶער רוּפְט מֶען אִים אִין אַ זַייט אוּן מֶען זָאגְט אִים: **"אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַ שֵׁיינֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן"**, אוּן מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ"**, **"זִיץ נִישְׁט אוֹיף דַיין פִיס"**, **"זִיץ גְרָאד מִיט בֵּיידֶע פִיס אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ"**, **"עֶס מִיט אַ לֶעפְל"**, **"פַארְעֶקְל נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן"**, **"מַאךְ צוּ דַיין מוֹיל וֶוען דוּ עֶסְט"**.

אִיךְ טוּ דָאס אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים, וֶוען אִיךְ זֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה עֶסְן שְׁטֵייעֶנְדִיג וְכַדוֹמֶה, זָאג אִיךְ זֵיי: **"עֶס נָארְמַאלִ!"**

אוֹיךְ בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ גְרָאד בַּיים עֶסְן, זָאג אִיךְ אִים: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ, לֵייג אַרָאפּ דַיינֶע פִּיס!"** אוּן אִיךְ בִּין אִים מַסְבִּיר: **"וֶוען דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ אָדֶער דוּ לֵיינְסְט אַ בּוּךְ, קֶענְסְטוּ זִיצְן וִוי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט, קֶענְסְט אֲפִילוּ זִיצְן מִיט דִי פִּיס אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל... אָבֶער וֶוען מֶען עֶסְט דַארְף מֶען זִיצְן מִיט בֵּיידֶע פִּיס אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ!"**

דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס קֶענֶען דָאס אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַלְס קִינְד - אַזוֹי וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען; אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט אִין כִּתָּה אוּן זַיין מוֹיל שְׁמֶעקְט פוּן קְנָאבְּל אוּן קֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן קַיין קְנָאבְּל אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, עֶס קֶען זַיין אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַז אַ

דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ שְׁוֶועֶרע זַאךְ צוּ הֶערְן, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ מַאכְן אַ טָאוֹסְט (פֶּעגֶעץ) אוּן עֶס אָנְשְׁמִירְן מִיט קְנָאבְל אוּן פּוּטֶער, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אָבֶער מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"עֶס נִישְׁט קַיין צְוִויבְּל אוּן קְנָאבְּל! - דִי צְוֵויי זַאכְן עֶס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס וֶועט גֵיין פוּן דִיר אַ גֶערוּךְ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וואוֹינֶען אִין מִדְבָּר וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶסְן וִויפִיל צְוִויבְּל אוּן קְנָאבְּל דוּ ווִילְסְט..."**

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד אִין אַ מוֹסָד הָאט מֶען פְרַייטָאג בַּיי פְּרִישְׁטָאג גֶעמַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער טָאמֶעטֶע דִיפּ פוּן אַלֶע טָאמֶעטֶעס וָואס זֶענֶען אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְן בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אַזוֹי הָאט דִי מוֹסָד זִיךְ גֶעשְׁפָּארְט גֶעלְט. אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ בָּאךְ אַזַאנְס נִישְׁט גֶעהַאט, דִי גַאנְצֶע כִּתָּה שְׁמֶעקְט פוּן קְנָאבְּל... [וֶוען מֶען עֶסְט טָאמֶעטֶע דִיפּ אִינְמִיטְן אַ סְעוּדָה בְּלַייבְּט נִישְׁט קַיין גֶערוּךְ אִין מוֹיל, וַוייל מֶען עֶסְט נָאכְדֶעם פִּישׁ, זוּפּ, פְלֵיישׁ, וָואס שְׁוֶוענְקְט אַרָאפּ דֶעם גֶערוּךְ, אָבֶער אַז מֶען עֶסְט נָאר בְּרוֹיט מִיט טָאמֶעטֶע דִיפּ בְּלַייבְּט אַ שְׁטַארְקֶע גֶערוּךְ אִין מוֹיל], בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶעכֶער אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל עֶס מֶער נִישְׁט מַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן מִיט מֶענְטְשְׁן וֶוען עֶס גֵייט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל.

אִין דֶעם פַאל שִׁיק אִיךְ אַהֵיים בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה. אוֹיבּ אַ בָּחוּר קוּמְט צוּ נָאנְט צוּ מִיר, עֶר פְרֶעגְט מִיר אַ שְׁאֵלָה אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס גֵייט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעפּוּצְט דַיינֶע צֵיינֶער?"** זָאגְט עֶר: **"נֵיין"**, זָאג אִיךְ אִים: **"אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, גֵיי אַהֵיים, פּוּץ דַיינֶע צֵיינֶער אוּן קוּם צוּרִיק"**. אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן בָּחוּרִים, וַוייל דֶער חֵדֶר אִיז וַוייט פוּן זֵייעֶר הֵיים, אָבֶער מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען.

בַּיי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִיז דָא נָאךְ זַאכְן וָואס קֶען נֶערְוֶועז מַאכְן אַנְדֶערֶע, צוּם בֵּיישְׁפִּיל זִיךְ קְרַאצְן דִי נָאז אוּן נָאכְדֶעם אָפְּלֶעקְן דִי פִינְגֶער, אָדֶער זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס בֵּייגְן זִיךְ אַרַיין זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ צְוֵוייטְן, עֶר עֶסְט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶר, עֶר קֵייט אוּן שְׁפֵּייט אוֹיף יֶענֶעם, אוֹיבּ מֶען זֶעט אִין כִּתָּה אַ קִינְד טוּט דָאס, דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען עֶס נִישְׁט צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטּאֹקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

**וזוגתו**

## **אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הספר הקדוש
# הזה נדפס

לזכות

## יקותיאל יהודה
## אפפעל

וזוגתו

## גיטל

וילדיהם

## חנה, אליעזר שלמה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.


מצבת ציון הקדוש
כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע
ביבנאל עיר ברסלב
הבטחת מוהרא"ש:
"אני מבטיח שכל בחור רווק, וכל בחורה רווקה, שיבואו כאן לקברי, ויגמרו את כל ספר תהלים מהתחלה עד גמירה לזכותי, אזי אשתדל בכל מה שרק אוכל שימצאו את זיווגם, וזה הבטחה חזקה ממני."

"אַסאַךְ מָאל זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מוֹרָא צוּ זָאגְן פַּאר אַ קִינְד **"גֵיי אַרַיין אִין בֶּעט"**, אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ דָאס קִינְד נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן, אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ נִישְׁט זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין אַטֶענְשָׁאן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג אַטֶענְשָׁאן פוּן מִיךְ אַלֵיין, אוּן אִיךְ טוּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן".

■■■

"אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַז אַ מִשְׁפָּחָה אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים אוֹיף שַׁבָּת, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "**וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט?!**" - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס הָאט מִיט דִי עֶלְטֶערְן".

■■■

"וֶוען אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ קוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרוּם מִיר, אַלֶע שְׁטְרֶעקְן אוֹיס זֵייעֶרֶע קֶעפּ אוּן וַוארְטְן אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, דָאס קִינְד וֶוערְט נִישְׁט זַאט בִּיז אִיךְ שְׁמוּעֶס נִישְׁט מִיט אִים".

■■■

קרן הדפסה
היכל הקודש